בס"ד

# עונג שבת

## פרשת שופטים תשס"ה

**גוט שבת אלע אידן.** יעצט אז מען געפינט זיך אין חודש אלול דארף מען זיך מתעורר זיין צו טון תשובה. אפילו א איד קען אריינכאפן ביי נעילה, איז עס כדאי נישט צו ווארטן ביז דעם לעצטן מינוט צו טון תשובה. עס ווערט דערציילט א מוראדיגע משל פונעם חפץ חיים זי"ע אויף דעם ענין. עס איז אמאל געווען א גרויסער עושר וואס האט געבארגט אסאך געלט פאר אידן. איין טאג, זענען געשטאנען אפאר מענטשן ווארטענדיק צו רעדן מיט דעם עושר. עס איז געשטאנען דארט א געשעפטסמענטש מיט א צווייטער איד וואס איז געווען גאר ארעם. ביידע מענטשן האבן געוואלט בארגן געלט פונעם עושר. דער ערשטער מענטש איז אריינגעגאנגען צום עושר און דער ארעמער איד איז געשטאנען אין דרויסן. אריינקוקנדיג דורכן פענסטער האט דער ארעמער איד געזען ווי דער עושר ציילט אסאך געלט פאר יענעם איד. דער גאר ארעמער איד איז נתפעל געווארן צו זען אזא זאך. ער אליינס איז געקומען דעמאלט צום עושר פארן ערשטע מאל. ער האט געהערט ווי מען רעדט וועגן דעם נדיבות פונעם עושר, אבער ער האט קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז זיין חסד גייט אזוי ווייט.

באלד דערנאך איז דער ארעמער איד אריינגעגאנגען. ער האט זיך אראפגעזעצט און זיך פארגעשטעלט פארן עושר און גלייך געבעטן א ריזיגע סכום געלט. דער בעל הבית האט געלאכט אין זיין פנים אריין און ער האט אים געגעבן אסאך ווייניגער ווי ער האט געבעטן. דער ארעמער מאן האט זיך געוואונדערט און ער האט געפרעגט דעם עושר פארוואס ער האט טאקע נישט געגעבן אזוי פיעל ווי ער האט געגעבן צום אנדערן איד. "אה..." האט דער עושר געזאגט, "דו ביסט דאך דא פארן ערשטען מאל, איך קען דיך נישט... אבער יענער, איך קען אים שוין יארן לאנג און ער באצאלט פונקליך. אבער דו... ווי אזוי הייסטו, נאכאמאל?" דער נמשל איז קלאר.

דער פאלגענדער היינטיגער בעל תשובה מעשה איז איינער פון די מערסט מוראדיגע מעשיות וואס מען האט דערציילט לעצטענס. דורך ליינען אזעלכע מעשיות קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו אנהייבן שוין יעצט די עכטע הכנות צו די ימים הנוראים.

רב רפאל גראסמאן (זיין עכטע נאמען) און זיין בני בית וואוינען היינט אין מעמפיס, טענעסי, א שטאט אין דעם דרום זייט פון אמעריקא. אזוי ווי מען קען זיך פארשטעלן, די אידישע קהילה איז נישט אזוי שטארק אין יענע חלק פון גלות. דער רב גראסמאן איז ספעציעל געפארן קיין מעמפיס כדי צו מקרב זיין אידישע קינדער, וואס זענען נעבאך אויפגעוואקסן אן קיין אידישע חינוך. רב גראסמאן טוט אסאך מקרב זיין די סטודענטען פון יענע געגענט.

רב גראסמאן ווייסט אז איינע פון די בעסטע וועגן צו מקרב זיין אידן איז דורך אריינברענגען זיי אין שטוב און זיי מכבד זיין מיט גוטע עסן, בפרט אין שבת קודש. (דאס איז אפשר מרומז אין דעם פסוק: "טעמו וראו כי טוב ה'...") וויפיל עס איז שייך, לאדענט אן רב גראסמאן אסאך פרייע אידן צו עסן די שבת סעודות ביי אים אין שטוב. רב גראסמאן פרובירט צו מאכן די שבתים גאר לעבעדיג מיט גוטע עסן, און ווארעמע דברי תורה כדי צו מעורר זיין יענע אידן צו וועלן ווערן מער אידיש.

איין שבת איז געשען אן אינטערעסאנטע זאך. די שבת האט רב גראסמאן באמערקט א נייע פנים צווישן די יונגערע מענטשן, דער בחור האט געהייסן הערי קולמאן (נישט זיין עכטע נאמען). רב גראסמאן האט אנגעהויבן צו רעדן מיט דעם בחור. ער האט אים געפרעגט פון וואו ער קומט, און וואס זיין טאטע טוט, וכו'. רב גראסמאן איז איבעראשט געווארן צו הערן וואס הערי האט אים געענפערט, "מיין טאטע איז א גלח..." די ווערטער האבן געהאנגען אין דעם לופט.

"דו ביסט נישט קיין איד. אויב אזוי, וואס טוסטו דא?" האט רב גראסמאן געפרעגט הערי. "איך בין יא א איד, וועגן דעם בין איך געקומען." רב גראסמאן איז געווארן זייער צומישט. הערי האט פערציילט אפענערהייט אז זיינע עלטערן האבן זיך געשמדט רח"ל!

רב גראסמאן האט אים געוואלט גלייך פארטריבן פונעם צוזאמענקומען. אבער, אפשר איז הערי געקומען זיך צו אינטערעסירן וועגן אידישקייט? אפאר מינוט שפעטער האט רב גראסמאן געהערט ווי הערי רעדט וועגן יענע אנדערע רעליגיע. דאן האט זיך אנגעהויבן א גאנצע ויכוח צווישן רב גראסמאן און הערי. רב גראסמאן האט שיין אראפגעלייגט די אמת פון תורה און דעם שקר פון אנדערע גלויבינגען. הערי האט נישט געקענט גוט ענטפערן רב גראסמאן. דורך דעם איז ארויסגעקומען א קידוש השם, און הערי איז שנעל אנטלאפן פון דארט, זיין פנים רויט פון שאנד.

אפאר טעג שפעטער איז רב גראסמאן ערשטוינט געווארן צו הערן הערי'ס קול אויפן טעלעפאן. הערי האט געוואלט אריבערקומען צו רב גראסמאן צו רעדן וועגן עפעס. הערי האט דערציילט פאר רב גראסמאן אז אין די לעצטע פאר טעג האט ער דורכגעטראכט אלעס וואס זיי האבן געשמועסט דעמאלט אין שבת. הערי האט געזאגט צו רב גראסמאן אז זיין גאנצע לעבן האט מען אים פארקויפט שטותים מיט לאקשן. יעצט אז ער האט געהערט אביסל תורה, ווייסט ער אז יענע רעליגיע איז שקר וכזב. הערי האט געזאגט אז ער וויל לערנען די "עכטע תורה."

פיר וואכן שפעטער איז הערי געקומען צו רב גראסמאן אויף א שבת. הערי האט זייער הנאה געהאט אין יענעם שבת. מוצאי שבת האט ער געזאגט צו רב גראסמאן אז ער וויל ווערן אן עכטער בעל תשובה. אבער, הערי האט געזאגט עס וועט זיין שווער ווייל זיינע עלטערן גיין אים קעגנשטעלן. רב גראסמאן האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים העלפן וויפיל עס איז שייך.

מיט די צייט האט זיך הערי שטארק מתחזק געווען אין אידישקייט. איין טאג איז הערי, וואס האט שוין געהייסן הערשל, געקומען צו רב גראסמאן צו דערציילן אז ער איז ב"ה געווארן א חתן! זיי האבן גערעדט וועגן די חתונה און רב גראסמאן האט אים געזאגט אז כאטש אז זיינע עלטערן מעגן קומען צו דער חתונה, זיי טארן נישט האבן קיין חלק אין דעם חופה, ד"ה אלס שושבינים.

איין טאג דערנאך, האט רב גראסמאן באקומען א טעלעפאן קאל פון הערשל'ס טאטע דער גלח, רח"ל. הערשל'ס טאטע האט אנגעהויבן צו שרייען אויף רב גראסמאן, "דו קענסט נישט אוועקנעמען אונזער זון פון אונז..." המשך יבוא.

דער ענין פון תשובה איז מרומז אין דעם פסוק אין די וואכעדיגע סדרה: "תמים תהיה עם ד' אלקיך."(יח, יג) ווי אזוי האט דאס א שייכות צו תשובה? עס ווערט געברענגט אז די תרי"ג מצוות זענען כנגד די שס"ה גידים און די רמ"ח אברים פונעם מענטש. דאס איז אפשר מרומז אין קהלת: "...ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם."(קהלת יב,יג) וואס איז טייטש "... זה כל האדם?" ד"ה, די מצוות זענען די מהות פונעם מענטש. וועגן דעם, איז אן עבירה אזא הארבע זאך. ווייל אן עבירה איז ח"ו פוגם אין יענעם רוחניות'דיגע חלק פונעם גוף. וועגן דעם הייסט דער אייבערשטער: "תמים תהיה עם ד' אלקיך." דו זאלסט זיין גאנץ מיטן אייבערשטען. ד"ה דו זאלסט תשובה טון צו פארעכטן דעם פגם וואס דו האסט גורם געווען דורך דיין חטא, כדי אנצוקומען צו א רוחניות'דיגע שלימות. דורך תשובה טון קענען מיר אלע זוכה זיין צו האבן א כתיבה וחתימה טובה. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר ישראל משה שפיטצער הי"ו לרגל שמחת נישואין בתו בשעטומ"צ • מזל טוב למוה"ר חיים יעקב צבי גרויס הי"ו לרגל שמחת אירוסי בתו
לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה • לע"נ ר' מנשה יחזקאל בן ר' נפתלי הי"ו
נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**